**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/31/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL מעלדט אז DMV האט צוריקגעברענגט מער ווי 300 גע'גנב'עטע וויהיקלס, וויהיקל טייטלס און סערוויסעס, אין ווערד פון 11 מיליאן דאלאר

***303 גע'גנב'עטע וויהיקלס צוריקגעברענגט אין 2024 ווערד מער ווי 8 מיליאן דאלאר***

***DMV האט געהאלפן באנוצער צוריקבאקומען וויהיקל טייטלס, פאררעכטונגען און צוריקצאלונגען אין א געשאצטע ווערד פון מער ווי 3 מיליאן דאלאר***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles, DMV) האט געהאלפן באנוצער צוריקבאקומען מער ווי 11 מיליאן דאלאר אין גע'גנב'עטע וויהיקלס, גע'גנב'עטע טיילן, סערוויסעס און פארלוירענע טייטלס, אין 2024.

"ניו יארקער וואס קויפן א קאר אדער וואס האבן איינס פאררעכטן, דארפן וויסן אז ניו יארק וועט אויפשטיין פאר זיי און זיי באשיצן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר ארבעטן שטארק צו העלפן באנוצער און די DMV ארבעט מיט דילערס און ריפעיר שאפס צו ברענגען קאנסומער צופרידנהייט. אויב פראבלעמען קענען נישט ווערן אויפגעלעזט, ווערט גענומען שנעלע אינפארסירונג שריט."

**DMV קאמישענער Mark J.F. Schroeder (מארק י.פ. שרודער) האט געזאגט,** "מיר זענען שטארק שטאלץ צו העלפן קאסטומערס ווען זיי דארפן הילף, צו ס'איז באקומען א טייטל פון א דילער וואס איז ארויס פון ביזנעס, ארבעטן מיט קליענטן און אטאמאטיוו ביזנעסער צו אדרעסירן פראבלעמען מיט א ריפעיר דשאב, אדער צוריקבאקומען גע'גנב'עטע וויהיקלס. קאסטומערס זאלן וויסן אז אויב זיי דארפן הילף, האבן זיי פריינט ביי די DMV וואס וועלן זיי העלפן."

לעצטע יאר, האט די DMV צוריקגעברענגט 303 גע'גנב'עטע וויהיקלס - אינעם ווערד פון $8,353,334 אינעם צייט פון זייער גניבה - און $91,979 אין גע'גנב'עטע טיילן. ווען קאר גניבות בלייבן אן אנגייענדע פראבלעם דורכאויס די לאנד, האט DMV געווארנט באנוצער לעצטע אקטאבער איבער די סכנות פון קאר סעילס שווינדלערייען דורך אנליין זייטלעך אזוויו פעיסבוק מארקעטפלעיס, און דערמאנט קאר קויפער צו זיין וואכזאם ווען זיי קויפן א וויהיקל אנליין.

אין צוגאב צו צוריקברענגען גע'גנב'עטע וויהיקלס און טיילן, האט די DMV אויך געהאלפן באנוצער צוריקבאקומען וויהיקל טייטלס, פאררעכטונגען און צוריקצאלונגען אין א געשאצטע ווערד פון מער ווי 3 מיליאן דאלאר פון נישט ערליכע אוטא דילערס און ריפעיר שאפס.

נאכפאלגנדיג די אויספארשונג פון באנוצער קלאגעס, האט די DMV גענומער שריט קעגן אוטא דילערס און ריפעיר שאפס פארן פארקויפן וויהיקלס אן צו לאזן וויסן באדייטנדע פעלערס צו דעם קויפער, פארן נעמען געלט פון באנוצער פאר ריפעירס וואס זענען קיינמאל נישט פארענדיגט געווארן, אדער נעמען געלט פון באנוצער פאר ריפעירס וואס זיי האבן נישט געדארפט. בסך הכל, האבן 474 באנוצער בענעפיטירט פון די באמיאונגען און האבן באקומען צוריקצאלונגען אדער וויהיקלס ריפעירס מיט א געשאצטע ווערד פון 1.48 מיליאן דאלאר. אין צוגאב, האט די DMV געהאלפן קאר קויפער צוריקבאקומען 67 טייטלס פאר וויהיקלס מיט א געשאצטע ווער פון מער ווי 1.56 מיליאן דאלאר ווען די אוטאדילערשיפ פון וואו זיי האבן געקויפן האט זיך פלוצלינג פארמאכט אדער צוריקגעהאלטן דעם טייטל פונעם ריכטיגע אייגנטומער.

א טייטל סערטיפיקאט פאר א קאר איז די דאקומענט וואס אנערקענט א מענטש אדער ביזנעס אלץ לעגאלער אייגנטומער. אן א טייטל קען א קאר אייגנטומער נישט אריבערפירן די אייגנטום, אראפנעמען א ליען (משכון) אדער אהערשטעלן א באווייז פון אייגנטום וואס איז נויטיג צו קענען ארויסנעמען א הלוואה פאר די קאר אדער צו אריינגעבן אן אינשורענס קלעים.

**סטעיט סענאטאר Leroy Comrie (לערוי קאמרי) האט געזאגט,** "וויהיקל גניבות און שווינדלערישע אוטא סעילס טוען ווייטער באטרעפן שווער-ארבעטנדע ניו יארקערס, און עס איז וויכטיג אז מיר זאלן נעמען שטארקע שריט צו באשיצן באנוצער. די DMV'ס באמיאונגען צוריקצובאקומען גע'גנב'עטע וויהיקלס, פארמיידן שווינדלערייען און האלטן נישט ערליכע ביזנעסער פאראנטווארטליך, זענען קריטישע שריט צו פארזיכערן גלייכקייט און זיכערהייט פאר אלע וויהיקל אייגנטומער. איך לויב אויס גאווארנער Hochul (האקול) און די DMV פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו באקעמפן קאר גניבות און שווינדלערייען, און איך בלייב איבערגעגעבן צו שטיצן איניציאטיוון וואס פארבעסערן באנוצער באשיצונגען און האלט אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט."

**סטעיט סענאטאר Rachel May (רעיטשל מעי) האט געזאגט,** "פאר פילע ניו יארקערס, איז א וויהיקל א לעבנסליניע וואס העלפט מיט טעגליכע אקטיוויטעטן אזויווי אנקומען צו ארבעט, ברענגען קינדער אין שולע אדער פראקטיק און פארוואלטן שליחות אזויווי איינקויפן אין גראסערי. ווען איינעמ'ס וויהיקלס איז גע'גנב'עט, שטערט עס זייער גאנצע רוטין, מאכנדיג אפילו די פשוט'סטע זאך א שוועריקייט. דאס איז פארוואס עס איז וויכטיג צו אנערקענען די אויסגעצייכנטע באמיאונגען פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקלס אין צוריקברענגען הונדערטער גע'גנב'עטע וויהיקלס לעצטע יאר. דורך שטיצן די באמיאונגען, קענען מיר פארזיכערן א מער פארזיכערטע אומגעבונג פאר יעדן און אביסל רואיגקייט, וויסנדיג אז די DMV קוקט זיך אום פאר אונז."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דשערעמי קוני) האט געזאגט,** "וויהיקל גניבות און שווינדלערישע אוטא סעילס טוען ווייטער באטרעפן שווער-ארבעטנדע ניו יארקערס, און עס איז וויכטיג אז מיר זאלן נעמען שטארקע שריט צו באשיצן באנוצער. די DMV'ס באמיאונגען צוריקצובאקומען גע'גנב'עטע וויהיקלס, פארמיידן שווינדלערייען און האלטן נישט ערליכע ביזנעסער פאראנטווארטליך, זענען קריטישע שריט צו פארזיכערן גלייכקייט און זיכערהייט פאר אלע וויהיקל אייגנטומער. איך לויב אויס גאווארנער Hochul (האקול) און די DMV פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו באקעמפן קאר גניבות און שווינדלערייען, און איך בלייב איבערגעגעבן צו שטיצן איניציאטיוון וואס פארבעסערן באנוצער באשיצונגען און האלט אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט."

**אסעמבלימעמבער William Magnarelli (וויליאם מאגנארעלי) האט געזאגט,** "באשיצן באנוצער איז א ווערדפולע באשטאנדטייל פון די פילע סערוויסעס וואס די DMV שטעלט צו. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר איר שטיצע אין צושטעלן רעסאורסעס צו זיך קאנצענטרירן אויף קאר גניבות און

צו העלפן ניו יארקערס צוריקבאקומען זייער גע'גנב'עטע אייגנטום. די אינוועסטירונגען צאלן זיך אויס און שטעלן צו די באשיצונג וואס קומט זיך פאר ניו יארקערס."

אין די צייט וואס די מערסטע ביזנעסער ווערן פראפעסיאנעל און פאראנטווארטליך געפירט, קענען באנוצער וואס גלייבן אז זיי זענען אויסגעשטאנען נישט-גערעכטע צאלונגען אדער שוואכע ארבעט אריינגעבן א קלאגע איבער א DMV-רעגולירטע ביזנעס אויף די DMV וועבזייטל. DMC העלפט אויך ביזנעסער און שטעלט צו אינפארמאציע אויף זייערע רעכטן אויב זיי שטייען א קלאגע אין די אנווייזונג פאר פאסיליטיס. DMV שטעלט אויך צו אנווייזונג ווען מ'ברענגט א וויהיקלס פאר פאררעכטונגען.

DMV מוטיגט באנוצער זיך נאר צו באנוצן מיט א רעגיסטרירטע ריפעיר שאפ. באנוצער זאלן אויך קוקן פאר א גרינע און ווייס "רעגיסטרירטע סטעיט אוו ניו יארק מאטאר וויהיקל ריפעיר שאפ" סיין אינדרויסן פונעם געשעפט און א גילטיגע ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקלס (DMV) רעגיסטראציע סערטיפיקאט אינעווייניג.

אן אנליין אנווייזונג צו טרעפן א DMV-רעגולירטע ביזנעס איז אוועילעבל אויפן אגענטור'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן